אוצר החכמה

ספרי — אוצר החסידים — ליובאוויטש

# מאמר
# כל היוצא למלחמת בית דוד

אוצר החכמה

מאת
כ"ק אדמו"ר
אור עולם נזר ישראל ותפארתו כקש"ת
מוהר"ר שלום דובער
זצוקללה"ה נבג"ם זי"ע מליובאוויטש

•

בצירוף שיחת ער"ח תמוז ה'תש"ב

מאת כבוד קדושת
אדמו"ר יוסף יצחק
זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע
שניאורסאהן
מליובאוויטש

חוצאת מיוחדת
יוצא לאור על ידי מערכת
"אוצר החסידים"
770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ. י. סניף ארה"ק ת"ו כפר חב"ד
שנת חמשת אלפים שבע מאות ארבעים ותשע לבריאה
שנת המאתיים להולדת כ"ק אדמו"ר הצ"צ
שנת הארבעים לנשיאות כ"ק אדמו"ר שליט"א

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
מאמר - כל היוצא למלחמת בית דוד שניאורסון, שלום דוב בר בן שמואל עמוד מס : 1 הודפס ע"י אוצר החכמה

אוצר החכמה

# פתח דבר

ע״פ הוראת כ״ק אדמו״ר שליט״א בשיחת אור לט״ו אלול תשמ״ט — הננו מוציאים לאור [בהוצאה מיוחדת] את המאמר „כל היוצא למלחמת בית דוד״ אשר לכ״ק אדמו״ר (מהורש״ב) נ״ע משמח״ת תרס״א, ושיחת כ״ק אדמו״ר מהוריי״צ נ״ע מער״ח תמוז תש״ב,

והוא בקשר עם צ״ב שנה להתייסדות ישיבת תות״ל, ובקשר עם שנת היובל לחשתלת הישיבות בחצי כדור התחתון, כאן בעיר ברוקלין נ. י. ארצות הברית.

**מערכת „אוצר החסידים״**

ט״ו אלול היתשמ״ט
שנת המאתיים לחולדת כ״ק אדמו״ר הצ״צ.
שנת הארבעים לנשיאות כ״ק אדמו״ר שליט״א.
ברוקלין, נ. י.

## בס״ד

## מאמר אחד, משיחותיו הקדושות של הוד כ״ק אאמו״ר הרה״ק זצוקללה״ה נבג״ם זי״ע

אשר הואיל לשוחח עם התמימים בסעודת שמחת תורה בשנת תרס״א באולם הגדול הנקרא „זאל הגדול״, במלאת שלש שנים להתיסדות ישיבת תומכי־תמימים.

כל היוצא למלחמת בית דוד כותב גט כריתות לאשתו (שבת נו, א). בית דוד איז דער גילוי פון משיח בן דוד, ווי עס איז ידוע פון דער עליית הנשמה, וואס דער בעש״ט נ״ע האט געהאט און איז געווען אין היכל המשיח און געפרעגט אימתי קאתי מר, האט איהם משיח געענטפערט: לכשיפוצו מעינותיך חוצה, אז די מעינות פון בעש״ט׳ס תורות און דרכי עבודה וועלן זיך פארשפרייטען אויף דער וועלט, דעמאלט איז אתי. אפען גערעדט, דער

ביאת המשיח איז אין א געוויסער מאָס תלוי אין דעם יפוצו מעינותיך חוצה, און דער יפוצו מעינותיך חוצה וועט בריינגען ביאת המשיח, וואָס דאָס איז דער בית דוד, דער גילוי אור פון משיח בן דוד.

דער בית דוד האָט אָבער מלחמות, הגם אז ורוח אלקים מרחפת על פני המים זה רוחו של משיח, וואָס אין דער כוונת הבריאה איז געווען אז די הנהגה אין גשמי' העולם זאָל זיין ברוחו של משיח, אָבער דורך דעם חטא עץ הדעת און דעם חטא הדורות שהיו מכעיסין לפניו ית', באדארף זיין דער תקון העולם ע"י עבודה און בגמר הבירורים, וועט דער יפוצו מעינותיך חוצה זיין א הקדמה צו ביאת המשיח.

שית אלפי שנין הוי עלמא, שני אלפים תהו, שני אלפים תורה ושני אלפים ימות המשיח. די שני אלפים תורה האָבען באדארפט מתקן זיין די שני אלפים תהו, דאָס הייסט מברר זיין די ניצוצות פון שבירת הכלים דתהו. נאָכדעם זיינען די שני אלפים ימות המשיח, דער גילוי המשיח און דער אלף הששי בכלל זיינען עקבות משיחא. אין דעם יובל וואָס משיח בן דוד קומט איז דעמאָלט דער זמן פון חרפו אויביך ה' חרפו עקבות משיחך.

אמת, איך בין זעהר פאַרהאַרצט אויף דער חברה מפיצי השכלה, וואָס יאָהרען לאנג האלטען זיי אין מסר'ן צו דער ממשלה אויף די אידישע חדרים און מלמדים און ווילען — הי' לא תהי' — עוקר מן השורש זיין דעם אידישען חדר מיט'ן מלמד און מטמא זיין ר"ל די מוחות פון די אי־דישע קינדער מיט כפירה בה' ובתורתו דורך זייערע אפיקורסישע מלמדים און דער ביטערער נייער מכה, משלחת מלאכי רעים די מלמדים פון די חדרים מסוכנים.

איך האָב זיי אלעמען פיינט, תכלית שנאה שנאתים, און איך בין זעהר פאַרהאַרצט אויף זיי. אָבער איך בין זיכער, אז איך זעה דעם ביטערען שיגוי לרע און די צרות וואָס זיי וועלען בריינגען אויפ'ן כלל ישראל, און נאָכדעם דער זיסער סוף פון דעם עקבות משיחא יובל, וואָס וועט בריינ־גען ביאת המשיח. נאָר במשך פון דעם עקבות משיחא יובל באַדאַרף מען האָבען די מלחמת בית דוד.

איך לעהרען דעם מאמר אם ראית דור אחר דור מחרף צפה רגליו של משיח ומאי טעמא אשר חרפו אויביך ה' אשר חרפו עקבות משיחך ומה כתי' בתרי' ברוך ה' לעולם אמן ואמן, אם ראית דור אחר דור מחרף, דער ערשטער דור מחרף זיינען די חברה מפיצי השכלה בתי ספר און די חדרים מסוכנים־מלמדים, וועלכע וועלען אויס־האָדעווען דעם צווייטען דור מחרפים ומגדפים וואָס זיי וועלען בריינגען די חבלי משיח אויף דער וועלט און אויף אידען, און אויף דעם באדארף מען האָבען די מלחמת בית דוד, שטאַרקען די אמונה אין דער גאולה שלמה דורך משיח'ן און לייכטער מאַכען די חבלי משיח.

אין דעם רע פון עקבות משיחא זיינען דאָ צוויי דרגות.

איינער אין אויביך ה', מענשען וואָס זיינען אויבי ה', אָט די אלטע אפי־

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
מאמר - כל היוצא למלחמת בית דוד שניאורסון, שלום דוב בר בן שמואל עמוד מס: 3 הודפס ע"י אוצר החכמה

אוה"ח 1234567

קורסים, משכילים, די חברי מפיצי השכלה, אפיקורסישע מלמדים פון די חדרים מסוכנים און זייערע תלמידים, אַט דער פריהער דערמאַהנטער דור השני פון די מחרפים וואָס זיי אַלע זיינען אויבי ה' און כל ענינם איז מחרף זיין את ה' ותורתו.

די צווייטע דרגא מענשען, וואָס טראַכטען אין דעם ענין פון עקבות משיחך. די אויבי ה' גלויבען דאָך אין קיין זאַך ניט, זיי גלויבען ניט אין השי"ת, זיי גלויבען ניט אין תורת ה', לאכען אויס די מצות ה' בכלל און די אמונה אין ביאת המשיח בפרט, אָבער די צווייטע דרגא זיינען בכלל מאמינים בה' ובתורתו נאָר אָהן קדושת התורה.

פאַראַן אזעלכע, וועלכע זיינען מאמי־נים אין א גאולה בכח עצמו, אַט אזוי ווי די נייע חברה, וואָס דרעהען איבער דעם פסוק בונה ירושלים ה' נדחי ישראל יכנס, און זאָגען אז די נדחי ישראל וועלען יכנס'ן און זיי וועלען זיין די בונה ירושלים. הלואי זאָלען זיי ניט גורם זיין ח"ו א נייעם חורבן רוחני וגשמי, השי"ת ישמרנו מהם ומהמונם.

אין דער צווייטער דרגא וואָס זיי זיינען חרפו עקבות משיחך איז פאַראַן כו"כ סוגים שונים ביז גאָר פיינע בני תורה און זיינען שוואך אין אמונת הגאולה. זיי אפילו זיינען דאָס מבאר מיט טעמים פון יראת שמים, אָבער באמת איז דאָס אַ חלישות אין דער ביאת המשיח אמונה.

די מלחמת בית דוד באַדאַרף האָבען איהר טכסיס, לא בחיל ולא בכח כ"א ברוחי. חיל און כח איז מוסר ותוכחה, און רוחי איז פנימי' התורה, חסידות, א השגה אלקית און עבודה שבלב.

מען באַדאַרף לערנען נגלה בעיון רב, וויסען יעדער סוגיא מיט אַלע פרטי הסברות, דבר דבר על אופנו, פון דעם יסוד הרמז פון דער הלכה ווי זי איז אין תושב"כ און ווי די הלכה איז בקיצור גמרץ אין דער משנה און ווי דער ענין ווערט נתבאר באריכות הפלפול אין דער גמרא און ווערט נתפרש אין רש"י און די שיטת התוספות, גוט אריינטראַכטען אין סגנון הלשון פון דעם רמב"ם, די חדושים וואָס דער רשב"א איז מחדש, וויסען ווי די הלכה קומט אין טור ובית יוסף און פאַרטיפען זיך אין סגנון הלשון פונ'ם רבי'נס שלחן ערוך.

אָבער נאָך אלעס דעם מוז מען וויסען, אז דאָס איז גליא שבתורה, וואָס די גליא האָט א פנימי' און די פנימי' איז דער חיות פון דער גליא און דער ריכטיגער אָפּלייג פון השגה אלקית איז נאָר אין עבודה שבלב.

תמימים זיינען די, וואָס באַדאַרפען דינען אין מלחמת בית דוד, זיי זיינען אַט די, וועלכע מוזען ראַטעווען דעם מצב פון כלל ישראל אין דעם עקבות משיחא יובל פון די אויבי ה', די חברה מפיצי השכלה און די תלמידים פון די חדרים מסוכנים און תלמידי תלמידיהם, די מחרפי ה', און די מחרפי עקבות משיחך.

היוצא למלחמת בית דוד כותב גט כריתות לאשתו. אין גשמיות איז דער סדר אז א איש הצבא מוז זיין א געזונטער. ניט נאָר ער זאָל ניט זיין

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
מאמר - כל היוצא למלחמת בית דוד שניאורסון, שלום דוב בר בן שמואל עמוד מס : 4 הודפס ע"י אוצר החכמה

קיין בעל מום, נאר ער זאל זיין א געזונטער אין זיינע רמ"ח אברים ושס"ה גידים, ווייל א איש הצבא בכדי ער זאל זיין א בן חיל, באדארף זיין א געזונטער, אזוי איז אין גשמיות ומכל שכן אין רוחניות.

דער איש הצבא וואס מען דארף האבען למלחמת בית דוד באדארף זיין א געזונטער. עס איז ניט גענוג, וואס ער איז ניט קיין בעל מום אין די רמ"ח אברים, וואס דאס זיינען רמ"ח מ"ע און די שס"ה גידים, וואס דאס זיינען די שס"ה מל"ת. ער באדארף זיין א בעל כח, האבען א שטארקייט אין עבודת השי"ת און אין יראת שמים.

חסידות רופט די דאזיגע שטארקייט בשם איתן. איתן איז דער טייטש שטארק און הארט. אין שטארק זיינען פאראן דרגות — שטארק און נאך שטארקער; אין הארט זיין קיין דרגות ניט פאראן. עס איז הארט וואס עס איז ניט פאראן קיין הארטער, דאס מיינט ווען די הארטקייט אין יראת שמים וואס כל הרוחות שבעולם וועלען איהם ניט ריהרען פון זיין פלאץ אין תורה ועבודה און דער איז דער אמת'ער בעל מסירת נפש און קיין מונע ומעכב און קיינע נסיונות וועלען איהם ניט שטערען זיין עבודה.

אט אזא איש הצבא איז דער בן חיל אין מלחמת בית דוד וואס קען און וועט ראטעווען דעם מצב ישראל פון די אויבי ה' און די חורפי עקבות משיחך דורך הרבצת התורה ביראת שמים און דורך התעוררות לתשובה.

אום צו זיין א איש הצבא אין מלחמת בית דוד מוז מען תחלה שרייבען א גט כריתות צו די אלע גופניות'דיגע זאכען, ווי די וועלטליכע מענשען זיינען זיך נוהג, און איבערגעבען זיך צו דער הנהלה פון תומכי תמימים, וועלכע איז מחנך און מדריך אנשי צבא פאר מלחמת בית דוד.

די רז"ל זאגען, אז קודם ביאת המשיח וועלען זיין חבלי משיח. די חבלי משיח וועלען זיין הן אין גשמיות און הן אין רוחניות. עס איז זעהר מאוים'דיג, וואס די רז"ל זאגן אויף יענעם זמן.

תמימים! די וועלטליכע הנחות און דער וועלטליכער רוח, אפילו פון די שומרי תורה ומצוה, זיינען קאלט און שמעקען מיט כפירה, ווייל צווישען קעלט און כפירה איז גאר א דינע מחיצה, און די לא זכה'ניקעס, וואס זיינען נעביך פאר'סם'ט מיט דער גאוה פון די איגענע חדושי תורה, געפינען כמה מאמרי חז"ל וואס מאכען זיי אליין קאלט און מאכען קאלט אידען מיט דער פשטות פון תורה, אז תורה דארף מען לערנען מיט די פשטות פון שכל אנושי.

עס שטעהט כי הוי' אלקיך אש אוכלה הוא, אלקות איז פלאם פייער, לערנען און דאווענען באדארף מען מיט התלה־בות הלב, אז כל עצמותי תאמרנה די דברי ה' אין תורה ותפלה.

ווען א חסיד לערנט תורה באדארף אין זיין מחשבה פנימית ליגען די ווערטער, אז תורה איז חכמתו ורצונו ית' און בכל יום ויום יהיו בעיניך כחדשים, מה להלן באימה וביראה ברתת ובזיעה, אף כאן באימה וביראה ברתת ובזיעה, ער — דער חסיד —

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
מאמר - כל היוצא למלחמת בית דוד שניאורסון, שלום דוב בר בן שמואל עמוד מס: 5 הודפס ע"י אוצר החכמה

האט געהאט אמת'ן יראת הכבוד פאר דעם נותן התורה ב"ה, וואס ער האט געהערט און געפילט אין תורה.

אז א חסיד האט געדאווענט איז אין זיין פנימי' המחשבה געלעגען די ווערטער דע לפני מי אתה עומד. אין אנדערע שוהלען איז דער מאמר אויפגעשריבען אויפ'ן עמוד, דע לפני מי אתה עומד, אז דער עמוד זאל וויסען פאר וועמען ער שטעהט. אין חסידישע שוהלען איז דער דע לפני מי אתה עומד ניט אויפגעשריבען אויף דעם עמוד, נאר חקוק אין מוח און אין הארצען.

ביי א חסיד איז ענטפערען אמן, אמן יהא שמי' רבא און זאגען ברוך הוא וברוך שמו א עולם ומלואו. דער חסיד באדארף דערהערען און דערהערט דעם אל מלך נאמן וואס איז די נשמה פון דעם אמן, א חסיד באדארף דערהערען און דערהערט דעם פי' המלות פון ברוך הוא וברוך שמו אז דאס איז דער אתה הוא הוי' לבדך וואס לפני הצמצום, אז ברוך הוא איז אתה הוא, און ברוך שמו איז דער שם הוי' וואס לפני הצמצום און אין דער התבוננות וואס איז אין דער השגה פון ברוך הוא וברוך שמו איז א חסיד משיג דעם יתרון וואס עס איז פאראן אין דעם ענין פון ברוך הוא וברוך שמו לגבי דעם ענין פון אתה הוא הוי' לבדך.

אלע וועלכע האבען געלערענט און לערנען חסידות בהעמקת הדעת אדעתא דנפשי', ניט ווי די חסידישע בעלי בתים טרינקען קאווע אדער ציקאריע שבת אינדערפריה און קוקען אריין אין תורה אור אדער לקוטי תורה און זיי פארגעסען אויף דעם מאמר הרשב"י ע"ה כל ת"ח שאומרים דבר שמועה מפיו בעוה"ז שפתותיו דובבות און אויף דעם מאמר הידוע כל האומר דבר בשם אומרו יראה כאילו בעל השמועה עומד כנגדו.

אז מען לערנט תורה אור אדער לקו"ת איז שפתי קדש פון דעם אלטען רבי'ן, פון עלטער זיידען דעם מיטעלען רבי'ן, פון דעם זיידען דעם צמח צדק זיינען דובבות בקבר. ווען מען לערענט תורה אור אדער לקוטי תורה זיינען די בעלי השמועה, דער אלטער רבי, דער עלטער זיידע דער מיטעלער רבי, דער זיידע דער רבי דער צמח צדק, שטייען לעבען אים. דער פחות שבפחותים אין עדת החסידים וועט ניט האבען די גראבקייט צו זיצען און טרינקען קאווע ווען די נשמות קדושות פון די הייליגע רבים זיינען נעבען איהם.

די חסידישע בע"ב זיינען ניט שול־דיג, די קאלטע סביבה פון דער מצות אנשים מלומדה'דיגער וועלט האט אויף זיי זעהר א שלעכטע השפעה, אז אלץ ווערט ביי זיי קאלט, מען לערענט קאלט, מען דאווענט קאלט, מען זינגט קאלט, מען טאנצט קאלט, עס איז א ים הקרח, אלץ איז ביי זיי פארפרווירען, אפילו דער חסידישער דופק קלאפט אויך שוואך און האלב פאר'חלש'ט.

חסידות באדארף מען לערנען מיט א חיות, אהן שטורעם חיצוני, אהן קולי קולות, אבער מיט א חיות פנימי, אז ניט נאר וואס ער לעבט אין דעם ענין און השגה אלקית וואס ער לערענט, נאר דער ענין לעבט אין אים.

דער עיקר ענין פון לימוד החסידות

הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
מאמר - כל היוצא למלחמת בית דוד שניאורסון, שלום דוב בר בן שמואל עמוד מס 6 הודפס ע"י אוצר החכמה

איז, אַז דער לימוד זאָל זיין אדעתא דנפשי', ער לערענט די חסידות צוליב זיך, ניט צוליב דער חסידות. פאַראַן שוטים וואָס לערנען חסידות צוליב חסידות, זיי האַלטען זיך פאַר פאַר־שטעהער, זיי האָבען אויסגעלערענט עטליכע צעהנדליג מאמרים און רידען אויף פוסטע פעלדער און וועלדער, מיט ווילדע בויך־סברות זיינען זיי מסביר חסידישע ענינים. כללו של דבר איז אַז זיי לערנען חסידות, דאָס הייסט אַז די חסידות זאָל זיין חסידות, ניט אַז זיי זאָלען זיין חסידים. דער אמת פון לימוד החסידות איז, אַז דער לימוד זאָל מאַכען דעם לערנער פאַר אַ חסיד, דאָס איז מהם והלאה.

די פאַלשע פאַרשטעהער, וואָס כוונתם אין לימוד החסידות איז מעהר ניט ווי צוליב דעם פאַרשאַנד פון עניני השגה אלקית, ניט צוליב עבודה, איז לבד זאת וואָס זיי בלייבען עמי הארצים אין דעם לימוד החסידות און אין דער ידיעה פון חסידות, איז לבד זאת זיינען זיי פון די ירתי תרתי גיהנם בזה ובבא. איך האָב זיי פיינט און האָב אויף זיי רחמנות. איך בעט ביי השי"ת אַז יעורר רוח ממרום, זיי זאָלען תשובה טאָן אַ תשובת המשקל, און די וואָס טוהען בשאט נפש און זיינען מחזיק בשטותם לא יאבה ה' סלוח להם ווייל זיי זיינען מחלל קדושת החסידות.

חסידות באַדאַרף מען לערנען צוליב זיך, אַז די חסידות זאָל אויסלערנען ווי צו זיין אַ ירא שמים באמת און ווי צו זיין אַ עובד ה' באהבה וביראה און פיהרען זיך בכל הענינים במדות טובות ווי ע"פ תורה.

די וואָס לערנען חסידות אדעתא דנפשי' און בהעמקת הדעת ווייסען דעם חילוק פון דעם צמצום הראשון וואָס אוא"ס ב"ה האָט זיך כביכול מצמ־צם געווען, און די צמצומים פון סדר השתלשלות, אַז די צמצומים פון סדר השתלשלות זיינען אַ ענין פון מיעוט, פאַר דעם צמצום איז מאיר אַ ריבוי אור און דורך דעם צמצום ווערט דער אור נתמעט, במילא איז דער כללות ענין הצמצום אַ ענין פון מיעוט, אָבער דער צמצום הראשון איז ניט בדרך מיעוט נאָר בדרך סילוק, אַז דער אור וואָס איז לאחר הצמצום איז גאָר אַ אנדער מהות אור לגבי דעם כללות האור וואָס לפני הצמצום, וואָס דאָס איז דער חילוק פון מיעוט און סילוק. מיעוט איז דער זעלבער מהות נאָך ער איז מיעוט, מיעוט, הן אין איכות, הן אין כמות, סילוק איז אַז עס איז פאַראַן אַ חילוק אין דעם מהות האור ווי ער איז לפני הצמצום און ווי ער איז לאחר הצמצום.

אין חסידות זיינען פאַראַן שכל'דיגע ביאורים און הסברים אויף דעם ענין פון צמצום הראשון בכלל און וועגען אונטערשייד צווישען צמצום הראשון און די צמצומים פון סדר השתלשלות.

די כוונת המאציל ב"ה אין דעם צמצום הראשון איז אַז נשמות ישראל זאָלען דורך דער עבודה פון תורה און מצות ממשיך זיין דעם אוא"ס ב"ה פון לפני הצמצום אין לאחר הצמצום, און דאָס איז דער יתרון פון דעם ענין ההשגה פון ברוך הוא וברוך שמו לגבי דעם ענין ההשגה פון אתה הוא הוי' לבדך, אַז אתה הוא הוי' לבדך איז דאָס דער אוא"ס, וואָס לפני הצמצום

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
מאמר - כל היוצא למלחמת בית דוד שניאורסון, שלום דוב בר בן שמואל עמוד מס : 7 הודפס ע"י אוצר החכמה

און ער איז במקומו אין לפני הצמצום וואו ער איז, אָבער ברוך הוא וב"ש איז דער אוא"ס היינו דער הוא און הוי' ווי ער איז אין לפני הצמצום נאָר מיט דעם נייעס וואָס דער אוא"ס פון הוא והוי' וואָס לפני הצמצום ווערט נמשך לאחר הצמצום דורך דער עבודה תמה פון זאָגען ברוך הוא וברוך שמו מיט כוונה.

דעם טאָג וואָס איך בין אלט געוואָרען פינף יאָהר — כ' מר"ח, תרכ"ו — האָט מיך דער פאָטער אַריינגעפיהרט צום זיידען ער זאָל מיך בענטשען. נאָך דעם ווי דער זיידע האָט מיך געבענשט, בין איך געשטאַנען אָן א זייט און געהערט וואָס דער זיידע האָט גערעדט צום פאָטער.

איינע פון די זאכען וואָס דער זיידע האָט גערעדט צום פאָטער איז געווען:

„דער זיידע, דער אַלטער רבי, האָט געזאָגט:

„דער זיידע, דער בעש"ט נ"ע, איז דער אברהם אבינו פון חסידות. אויף אברהם אבינו שטעהט, אז ער איז געווען א נדיב בממונו, בגופו ובנפשו, אברהם אבינו האָט זיך מוסר נפש געווען מקרב צו זיין גאָר א פשוט'ן מענשען צו געטליכקייט, און אזוי האָט געטאָן דער זיידע, דער בעש"ט נ"ע, ער איז געווען א נדיב בממונו, בגופו ובנפשו, ער האָט זיך מוסר נפש געווען צוליב מקרב זיין א פשוט'ן אידען.

„אויף אברהם אבינו — זאָגט דער זיידע צום פאָטער — בשם זיין זיידען, דעם אלטען רבי'ן — שטעהט עד אברהם הי' העולם מתנהג באפילה בא אברהם התחיל להאיר, ביז אברהם אבינו זיינען דאָך אויך געווען גרויסע צדיקים, אָבער עס זיינען אַלץ געווען אפילה צדיקים. אברהם אבינו איז געווען דער ערשטער צדיק וואָס התחיל להאיר. ביז דעם זיידען דעם בעש"ט נ"ע איז די וועלט געווען א בית אפל. ביי די בני תורה איז געווען אור במושבותם, אָבער ביי די מיטעלע בעלי בתים בכלל און ביי די פשוט'ע אידען בפרט איז די וועלט געווען א בית אפל, איז געקומען דער זיידע דער בעש"ט נ"ע און התחיל להאיר.

„דער זיידע, דער בעש"ט נ"ע, האָט געמאַכט פענסטער אין דעם בית אפל פון דער וועלט. א אמן איז א פענסטער, א אמן יהא שמי' רבא איז א פענסטער, א ברוך הוא וברוך שמו איז א פענסטער און מיט דער שיטה אמיתית אז דער דאווענען און אמירת תהלים פון די פשוט'ע אידען איז זעהר חביב ביי השי"ת האָט ער באַלויכטען דעם בית אפל פון דער וועלט מיט דעם אור האותיות פון תורה, תפלה און תהלים".

דאָס האָב איך געהערט ווען איך בין אלט געווען פינף יאָהר. שפעטער מיט צעהן יאָהר האָב איך געהערט פון פאָטער א ביאור רחב אין דעם ענין האותיות וואָס ענינם איז דער ענין האור, און דעם יתרון המעשה פון אותי' הדבור, אז דבור איז מעורר דעם עצם הנפש כמ"ש נפשי יצאה בדברו, זיין דבור האָט מעורר געווען מיין נפש, און דאָס איז וואָס מיר זאָגען וכל עצמותי תאמרנה, אין דבור זאָגט זיך אויס די גאנצע עצמי' אָבער דאָס איז נאָר ווען דער דבור איז בהתלהבות מיט א חיות פנימי פון דעם ה' אלקיך אש אוכלה הוא.

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
מאמר - כל היוצא למלחמת בית דוד שניאורסון, שלום דוב בר בן שמואל עמוד מס: 8 הודפס ע"י אוצר החכמה

די התלהבות אין תורה ותפלה וואָס קומט פון דעם ה' אלקיך אש אוכלה הוא איז נאָר ביי די וואָס זכה נעשית לו סם חיים, ביי די זכה'ניקעס איז פאראן די התלהבות, אָבער די לא זכה'ניקעס זיינען זייער קאָלט און מאַכען אַלעמען קאַלט מיט דער פשטות פון גליא שבתורה, און זייער קאלטקייט פארפרירט און פאר'חושכ'ט דעם מאור שבתורה.

דער מאור שבתורה וואָס דאָס איז די פנימי' פון גליא שבתורה איז דאָס דער לבוש פון הקב"ה נותן התורה יתברך.

דערהערען דעם מאור שבתו' און זעהן דעם נותן התורה ית' איז נאָר דורך תפלה באריכות אין דער התבוננות פון א השגה אלקית און אז די השגה אלקי' אין וועלכער ער איז זיך מתבונן לייכט ביי איהם אין הארצען און מאכט א התעוררות באהוי"ר און ברייננגט א פועל טוב. דעמאָלט באריהרט מען דעם מאור שבתורה און מען פיהלט דעם נותן התורה ב"ה.

ניט דער למדן און אויך אפילו ניט דער גאון איז זוכה צום מאור שבתורה. מען קען זיין א למדן מופלג און א גאון, א מחדש חדושים בתורה, עס זאָלען זיך גיסען השכלה וסברות שכליות, וועלכע זאָלען מבהיל את הרעיון זיין, אָבער צום מאור שבתורה האָט ער קיין שייכות ניט, און וואָס איז דער נותן התורה, האָט ער גאָר קיין שום ציור ניט, ווייל דער גאנצער ענין פון געטליכקייט איז ממנו והלאה.

דעם מאור שבתורה דערהערט א עובד, א דאוונער וואָס דאווענט מיט א התבוננות אין השגה אלקית, ער האָט א דערהער אין מאור שבתורה און ער האָט די כלי ההשגה וההשערה אין געטליכקייט.

די תמימים דאַרפען מזכך זיין די וועלטליכע הנחות און אָנוואַרעמען די אידישע וועלטליכע קאַלטע גאָס. דער זיכוך פון די וועלטליכע הנחות איז ניט בדרך דחי' וביטול, ווי אין אַ חסידישען פאַרברייננגען, וואָס דאָס איז גוט נאָר לשעה און אַלס אַ הקדמה כללית צו דער עבודת הזיכוך.

יעדע עבודה באדארף האָבען א הקדמה און בפרט די עבודה פון נפש הבהמית וסייעתה דארף האָבען א שטאַרקע הקדמה, וואָס דאָס איז די הכאה כללית וואָס מאַכט א ביטול כללי אין דעם מהות כללי פון נפש הבהמית.

עס טרעפט אַמאָל, אז דער גביר פון שטעדטעל, וואָס אפילו אונטער די אויגען רופט מען איהם ר' יעקב נגיד, געהט אריין צו א חסידישען פארברייננגען, און דער חסיד מאָטיל קבצן, וואָס געהט ארום מיט די לחם אביונים, מלביש ערומים און בקור חולים פושקעס, טוט א זאָג: יעקל, קום אַהער, און זעצט איהם אוועק לעבען זיך, אָדער וועז דעם רב'ס אידעם, דער יונגער עילוי ר' אליעזר, שקלאווער מחדש, געהט אריין אין א חסידישען בית המדרש און טרעפט אַ חסידישע כנופיא, און דער ראש המדברים איז שלמה דער חסידישער מלמד — שלמה דער געלער — אָדער לייבע צייטעס, און מען טוט א זאָג מיט גרויס חדוה: מאכט א פלאַץ פאר לייזערקע מחדש, וואָס דאָס איז א הכאה כללית אויף די גסות הרוח פון

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה
מאמר - כל היוצא למלחמת בית דוד שניאורסון, שלום דוב בר בן שמואל עמוד מס: 9 הודפס ע"י אוצר החכמה

עשירות און גאוה פון ידיעת התורה. אָבער נאָכ'ן ביטול כללי מוז זיין אַ בירור פרטי, פאנאנדערקלייבען דעם טוב ורע וואָס אין עשירות איז. מלמעלה גיט מען איהם די אפשרות אויף צו טאָן גוטע זאכען מיט זיין עשירות, מחזיק זיין לומדי תורה, מחזק זיין נצרכים, טיילען גמילות חסדים און געבען צדקה ביד רחבה. באדארף מען איהם צו פארשטעהן געבען דעם גרויסען זכות, מיט וועלכען מען האָט איהם מזכה געווען מלמעלה, וואָס ער וועט אויפטאָן זעהר גרויסע זאכען בחיזוק התורה ומעשים טובים בצדקה. דאָס איז דער צד הטוב וואָס איז אין עשירות.

עס איז אָבער אויך פאַראַן אַ צד הרע אין עשירות, דאָס איז דער שמנת עבית כשית, דער עשיר יענה עזות. די עשירות מאכט איהם בלינד, אז ער זעהט ניט זיין אייגענעם מהות, ווי שפל'דיג גראָב ער איז. די עשירות זיינע מאכט איהם אין זיינע אויגען פאר א חכם און א למדן, ער זוכט אויס פארשידענע יחוסים און זאָגט א דעה אויפ'ן רב, אויפ'ן שוחט, אויפ'ן מלמד, ווי אזוי מען זאָל לערנען אין די חדרים, אין א ישיבה.

ער פארגעסט, אז ער איז אַן עם הארץ. זיין דעה אין אזעלכע זאכען איז גלייך ווי גאָרניט. ער אליין וועט רופען דעם עם הארץ'דיגען אָרעמאַן, וואָס וועט זיך מישען אין רבנות און תורה־פראַגען, מיט'ן נאָמען משוגענער און אויף זיינע אייגענע עם הארצות פארגעסט ער. ער איז דאָך דער זעלביגער עם הארץ ווי דער אָרעמאַן. יענעם רופט ער משוגענער און ער איז דער חכם.

אויך איז נויטיג צו פארשטעהן געבען די עשירים, וואָס נוצען ניט אויס די עשירות אויף דער ריכטיגער כוונה, וואָס השי"ת האָט זיי געגעבען די עשירות אז זיי באדארפען וויסען די גרויסע אחריות, וואָס זיי טראָגען אויף זיך, און זיי אליין מאַכן אַז די עשירות איז לרעתם.

די עשירים, וועלכע נוצען אויס די עשירות אויף וואָס מען באדארף, ד. ה. אויף הרבצת תורה, החזקת לומדי תורה, צדקה וגמילות חסדים, האָבען פירותיהם בעולם הזה והקרן קיימת לעולם הבא, און די עשירים וועלכע נוצען ניט אויס די עשירות לויט דער כוונה אלקית, וואָס גיט זיי די עשירות, איז חוץ דעם וואָס זיי האָבען ניט די פירות פון דעם קרן וואָס איז לעולם הבא האָבען זיי די פירות פון דעם להאבידו לעולם הבא.

די עשירים, וועלכע נוצען אויס זייערע עשירות ווי די כוונה אלקית איז, אויף תורה און צדקה, זיינען זוכים ומזכים את הרבים, און די עשירים, וועלכע נוצען ניט אויס זייערע עשירות לויט דער כוונה אלקית, זיינען חוטאים ומחטיאי הרבים, זייער געלט גיבען זיי אוועק אויף די חדרים מסוכנים, וואו מען איז מחלל קדושת התורה, וואו די מלמדים זיינען אַפיקורסים, טראָגען קיין ציצית ניט, שפּאָטען פון דרשות חז"ל, מאכען פון דעם הייליגען חומש אַ באָבע־מעשה, רחמנא ליצלן, פון די הייליגע נביאים א שפּראַך־ביכעל, ר"ל.

די מלמדים פון די חדרים מסוכנים און די מלמדים פון דער חברה מפיצי השכלה רייסען אויס די אמונה ביי די

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
מאמר - כל היוצא למלחמת בית דוד שניאורסון, שלום דוב בר בן שמואל עמוד מס: 10 הודפס ע"י אוצר החכמה

אידישע קינדער און פלאנצען אין זיי אין א שנאה צו תורה און אידישקייט. אַט די תלמידים פון די חדרים מסור־כנים און פון דער חברה מפיצי השכלה בתי ספר וועלען זיין די עוכרי הדת און צוררי ישראל מעהר ווי די געפעהרליכסטע פּאַגראַמשטשיקעס.

עשירות איז איינע פון די גליק־ליכסטע און אומגליקליכסטע זאכען, וואס השי"ת האט באַשאַפען אויף דער וועלט. דאָס איז דער גרעסטער נסיון פאר דעם מענטשען. ווען מען ווייסט וואס צו טאָן מיט דעם און מען פאר־נוצט דאָס אויף החזקת התורה און צדקה, וואס ע"פ התורה, איז אשרי לו בזה ובבא, אָבער ווען מען ווייסט ניט וואס צו טאָן מיט די עשירות און מען פארנוצט דאָס אויף וואס מען טאָר ניט ע"פ תורה, איז אוי ואבוי לו.

און די זעלבע זאַך איז מיט דעם למדן און גאון, וואס איז מחדש חדושים, אז נאָך דעם ביטול כללי באדארף מען פאנאנדערקלייבען דעם טוב ורע וואס איז פאראן אין לומדות און גאונות און קלאָהר מאַכען אז דער עיקר אין ידיעת התורה איז וויסען, אז תורה איז חכמתו ורצונו ית' און מען באַדאַרף כסדר געדענקען דעם נותן התורה.

אלטע חסידים האָבען בקבלה א סיפור המעשה, וואס האט זיך גע־טראָפען בימיהם, ווען דער אַלטער רבי איז נאָך געווען גאַר א יונגערמאַן.

אין וויטעבסק איז געווען א געוויסער למדן, ר' אלישע גאון הגאונים האָבען זיי איהם גערופען, ר' אברהם זלמן בעשענקאָוויצער'ס א חבר מובהק. ער האט געהאט א שטאַרקע קשיא אויף א רש"י אין מסכת עירובין. אלע לומדים האָבען זיך געמאַטערט אויף דער קשיא, יעדער האָט געזאָגט זיין סברא. דער אלטער רבי האָט געזאָגט זיין סברא, וואס רוב הלומדים האָבען מיט איהם מסכים געווען.

ר' אלישע איז געווען ר' ליב סג"ל'ס א עלטער־פעטער, ער איז געווען איינער פון די, וועלכע האָבען פאַרהערט דעם ליאזנער גאון, דעם אַלטען רבי'ן, ווען ער איז אַלט געווען פערצעהן יאָהר, און ר' ליב סג"ל, דער וויטעבסקער גרעסטער גביר, האָט געזוכט א שידוך צו טאָן מיט ר' ברוך ווייסקוואליקער.

ר' ברוך האָט געלעבט אין זיין נדן־פאָלווארק ביי דריי וויאָרסט פון ליאזנא. ווען דער רבי איז אלט געווען א יאָהר זעקס, האָט ער געלערענט אין פירות־גאָרטען מיט זיין ברודער ר' מרדכי, וואס איז געווען מיט א יאָהר יונגער פון איה, דעם פסוק אלה בני שעיר החורי יושבי הארץ מיט פרש"י. ר' מרדכי האָט ניט געקענט פארשטעהן ווי אזוי מען קען וויסען וואס פאר א ערד עס איז בעסער פאר דער זריעה פון געוויסע פירות, האָט איהם דער רבי מבאר געווען און געבראַכט א ראי', אז מען קען הערען ווי די קוואַ־לען פון וואסער געהען אין דער ערד און זאָגט צום ברודער, אז אונטער דעם ווייסען שטיינער־בערגעל געהט א שטאַרקער קוואַל וואַסער. במשך פון א געוויסער צייט האָט דער קוואַל דורכגעעגבערט דעם ווייסן שטיינער־בערגעל און עס איז געוואָרען א ברייטע סאַזשעלקע (בריכת מים), וואס

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
מאמר - כל היוצא למלחמת בית דוד שניאורסון, שלום דוב בר בן שמואל עמוד מס: 11 הודפס ע"י אוצר החכמה

שפעטער מיט א פאר יאהר, ווען עס האט אויסגעבראכען א מגפה אויף בהמות, האבען די ארומיגע דערפער פיל גוטעס געהאט פון די וואסער און זיי האבען א נאמען געגעבען דעם פאלווארק ווייסער קואל — („ביעלי רוטשעי").

ווען דער רבי איז געווארען רי"ל סג"ל'ס איידעם, האבען אים גאוני וויטעבסק, ובראשם ר' אלישע, זעהר געאכט. דאס איז אלץ געווען ביז דער פאסירונג מיט דער רש"י אין עירובין.

ווען די וויטעבסקער לומדים האבען מסכים געווען מיט דעם רבי'נס פירוש אויף רש"י, איז ר' אלישע געווען זעהר אומצופרידען. ער האט געלערנט די סוגיא מיט אן אנדער פשט, ווי רש"י, און האט געטענה'ט וממדבר מתנה, דער כתר תורה קומט דעם, וואס איז זוכה צו דעם, רש"י איז געווען א מפרש בדורו און ר' אלישע פרוש וגאון — אזוי פלעגט ער זיך אליין רופען — איז א מפרש אין זיין דור.

אין וויטעבסק איז געווען דעם בעש"ט'ס נ"ע א חסיד, ר' אפרים, ר' משה'ס א ברודער, דעם פרי הארץ'ס א פעטער, א גרויסער למדן. זיין פרנסה איז געווען פון גערטנעריי. וואס ער און די קינדער זיינע האבען אליין געארבייט. ער איז געווען א גרויסער בקי און חריף אין נגלה און קבלה און איז געווען פון די ראשי המדברים צווישען די לומדי וויטעבסק. ער איז געווען מפורסם פאר דעם בעש"ט'ס נ"ע א מקושר און די מתנגדי שיטת הבעש"ט נ"ע האבען מחבב געווען ר' אפרים'ן פאר זיין אמת.

עס איז געווען דער ערשטער יאהר — תקכ"א — נאכ'ן בעש"ט'ס נ"ע הסתלקות, האט זיך ר' אלישע גע־קלאגט פאר ר' אפרים'ן: היתכן, מען האט דוחה געווען זיין פירוש וויל רש"י לערענט אנדערש, די בעלי התוספות זאגען אויך אנדערש ווי רש"י, דער ראב"ד זאגט אנדערש ווי רמב"ם, איז גוט, און אז ער — ר' אלישע — זאגט אנדערש ווי רש"י וויל מען ניט מקבל זיין. עס איז דאך שבעים פנים לתורה!

ר' אפרים, דער איש אמת, האט געענטפערט גאר בפשיטות: כתיב והנה מגילה עפה כתובה פנים ואחור, מדאי־כא פנים איכא גם אחור. רש"י און די בעלי התוס', רמב"ם און ראב"ד, זיי־ערע פירושים און סברות און אוקימ־תות זיינען פון שבעים פנים לתורה, אייערע סברות, פירושים און אוקימ־תות זיינען פון שבעים אחור לתורה.

ווען מען לערנט תורה ווי מען באדארף לערנען מיט ביטול, דאן זיינען די חדושי תורה, וואס מען איז מחדש פון די שבעים פנים לתורה, אבער ווען מען לערנט תורה מיט ישות וגסות הרוח, דאן זיינען די חדושי תורה, וואס מען איז מחדש, פון די שבעים אחור לתורה.

דער סדר העבודה, הן מיט זיך און הן מיט'ן צווייטען, איז פריהער באדארף זיין דער ביטול כללי וואס דאס איז א הכאה כללית אין דעם עצם ומהות הרע און נאכדעם באדארף זיין דער בירור פרטי, פאנאנדערקלייבען דעם טוב ורע וואס אין דעם רע איז פאראן, און די עבודה פרטית איז ארויסצונעמען דעם ניצוץ הטוב וואס

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
מאמר - כל היוצא למלחמת בית דוד שניאורסון, שלום דוב בר בן שמואל עמוד מס: 12 הודפס ע"י אוצר החכמה

אין דעם רע און דעם רע דוחה זיין לחוץ.

כשם ווי מען מוז האָבען די עבודה פרטית אין דעם בירור הטוב והרע וואָס אין דעם רע, אָט אַזוי מוז מען האָבען דעם ביטול כללי. אדרבא דער ביטול כללי איז דער עיקר דבר המעמיד פון דער עבודה פרטית אין עבודת הבירורים.

ביי דעם מיטעלען רבי'נס חסידים אין שקלאָוו איז אומגעגאנגען א גלייכ־ווערטעל, אז מיכל דעם הינקענדיגען מלמד'ס א בדרך אגב ביטול וואָרט מאַכט פאַר א כלי אויף מקבל זיין דעם רבי'נס יחידות ווערטער.

ר' שלמה מאנעסזאהן — ר' מנחם מאנעס פאַטער — איז געווען איינער פון דעם מיטעלען רבי'נס חסידים יונגעלייט. ער איז געווען אַ גביר בן גביר, אַ מחונך ומודרך פון די חסידים, וועלכע זיינען נאָך געווען ביים אלטען רבי'ן, און נאָך יחידות פלעגט ער פאַרברייינגען מיט חסידים און פלעגט מיטטאַנצען דעם יחידות מחול, אָבער עס איז אַלץ געווען קאַלט לפי ערך דער חסידישער ווארעמקייט. עס איז געווען דמתקריא בעלי בתיש.

ר' שלמה, ווי אלע אנדערע חסידישע יונגע לייט אין שקלאָוו, פלעגט דאַוו־נען בהתלהבות און פלעגט קומען צו די חסידישע כנופיות און פאַרברייינגען כנהוג ביי חסידים.

איינמאָל פאַר א פאַרברייינגען האָט זיך מיכל דער הינקענדיגער מלמד שטאַרק פאַנאנדערגעווייינט און האָט זיך געקלאַפּט אין הארצען און אין קאָפּ, טענה'נדיג צו זיך אליין: רבש"ע, האָב אויף מיר רחמנות און העלף מיר איך זאָל האָבען א חיות'דיגען געשמאַק אין והאר עינינו בתורתך ודבק לבנו במצותיך ויחד לבבנו לאהבה וליראה את שמך, ווי דער חיות'דיגער געשמאַק, וואָס שלמה מאנעסזאהן האָט אין והעושר והכבוד מלפניך.

הגם מיכל דער מלמד האָט גאָר ניט געמיינט מבטל צו זיין ר' שלמה'ן, ער האָט דאָס געזאָגט אדעתא דנפשי', ער — מיכל דער מלמד — האָט געטראַכט וועגען זיך און איז ניט צופרידען געווען מיט זיין דרגא אין עבודה, אז ביי איהם דערהערט זיך ניט אז די בקשה פון והאר עינינו בתורתך זאָל זיין באמת לאמתו ווי דאָס איז ביי ר' שלמה'ן מיט דעם והעושר והכבוד, אָבער דאָס וואָרט האָט געמאַכט גאָר אַ גרויסען רושם אויף ר' שלמה'ן. איינגיכען איז ער געפאָהרען קיין ליוּ־באַוויטש, געווען ביים מיטעלען רבי'ן אויף יחידות און פון דעמאָלט אָן איז ער געוואָרען גאָר אַן אנדער מענש.

דער גדולה שמושה יותר מלמודה זעט מען אויף יעדער שריט אין דער חסידישער הדרכה און חינוך. יחידות איז למודה, א חסידישער פאַרברייינגען איז שמושה, זעט מען במוחש אַז גדולה שמושה מלמודה. די אַכט יאָר וואָס ר' שלמה איז געפאָהרען קיין ליוּ־באַוויטש און געווען אויף יחידות האָט נאָך איהם ניט פועל געווען, און דער דרך אגב'דיגער ביטול פון ר' מיכל מלמד האָט געמאַכט אַזאַ רושם, אַז דאָס האָט איהם — ר' שלמה'ן — געמאַכט פאַר אַ כלי קיבול פון דעם לימודה.

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
מאמר - כל היוצא למלחמת בית דוד שניאורסון, שלום דוב בר בן שמואל עמוד מס : 13 הודפס ע"י אוצר החכמה

דער ענין פנימי אין דעם איז, דער אור האמת פון ר׳ מיכל מלמד׳ס עבודה, ער — ר״מ מלמד — האָט ניט געטראַכט צו מתקן זיין ר׳ שלמה׳ן, ער האָט געטראַכט וועגען זיין העדר עבודה אין דעם אמת פון דער בקשה פון והאר עינינו בתורתך ודבק לבנו במצותיך ויחד לבבנו לאהבה וליראה את שמך. ר׳ מיכל מלמד איז נאָך געווען ביים אלטען רבי׳ן ווען חסידים האָבען געהאלטען ביי עבודה אמיתית אָהן התנצלות פון כמה ענינים, אהבה ויראה איז ביי די זקני החסידים געווען אַ מטבע מהלכת און ווען די עבודה איז ניט געווען בשלמות, האָט דאָס זיי זעהר טיף דערגומען.

ר׳ מיכל׳ס אור האמת פון דעם טיפען צער וואָס ער האָט ניט קיין חיות׳דיגען געשמאַק אין דער בקשה מהשי״ת אויף תומ״צ און אויף אהוי״ר ווי דער חיות׳דיגער געשמאַק וואָס ר׳ שלמה האָט אין דעם והעושר והכבוד מלפניך האָט פועל געווען א ביטול כללי אין דעם טמטום וואָס האָט מונע געווען ר׳ שלמה׳ן אז ער האָט ניט מקבל געווען די דברי קדש פונ׳ם מיטעלען רבי׳ן אויף יחידות ווי מען האָט זיי באַדאַרפט מקבל זיין.

געזונד זאָלען זיין חסידים, מיט זייער פאַרבריינגען כדרכי החסידים זיינען זיי מחי׳ נפשות ממש. איך בענק זעהר נאָך דעם זמן, וואָס איך האָב געקענט פאַרבריינגען צווישען חסידים. איך בין שטענדיג געווען ענג אין צייט, במילא האָב איך זיך ניט געקענט אָפּגעבען צו די חסידישע פאַרבריינ־גענס, דער חסידישער פאַרבריינגען גיט דעם ביטול כללי, דאָס הייסט, די הכאה כללית און נאָך דעם דאַרף זיין די עבודה פרטית מיט א סדר מסודר אין דעם סור מרע און אין דעם ועשה טוב.

השי״ת זאָל אייך מצליח זיין בתורה ובעבודה שבלב, עס זאָל זיך אין אייך און דורך אייך—אויספיהרען די כונה העליונה פון נתאוה הקב״ה להיות לו דירה בתחתונים.

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
מאמר - כל היוצא למלחמת בית דוד שניאורסון, שלום דוב בר בן שמואל עמוד מס : 14 הודפס ע״י אוצר החכמה